NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13475

AKH, AZ IKH VEL

Leib Kvitko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.

אב, אז איך וועל

אויס

קינדער־פארלאג באם צ.ק. ל.ק.י.פ.א.



יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די פײַכטע אויגן,
מיט די העלדזער גלאנציקע,
קײַלעכדיק געבויגן.

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די שטאַרקע ציינער,
בא די הויכע קאָרעטעס
אין די שטאַלן רײנע.

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די איידלע גלידער,
שטעלט זיך נאָר א פליג אפ זיי —
טוט די הויט א ציטער.

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די פיסלעך גרינגע,
ווען די שטאַל מע עפנט זיי,
לויפן זיי און שפּרינגען.

שפּרינגען און צעלויפן זיך
אַז די ערד זיך טרעסלט, —
יענע, יענע לאָשעקעס
קען איך ניט פארגעסן.

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.

קענ איכ ניט פארגעסנ גאָר,
ווי מע בויגט דעמ רוקנ,—
ווענ דער קאָניוכ קומט ארײַנ
נעמט מענ אימ באקוקנ.

יענע, יענע קאָניוכעס,
וועלכע ריידנ צערטלעכ
מיט די לײַכטע לאָשעקעס,
מיט די הייסע פערדלעכ.

יענע, יענע קאָניוכעס
מיט די וואָנצעס הארטע,
מיט די לײַבלעכ ווארעמע,
מיט די קורצע פארטעכס.

יענע, יענע קאָניוכעס,
וואָס זיכ פירנ פרײַע
צווישנ קעפ אונ קאָפּעטעס
בא די פערד, ווי פײַער.

האָבנ גאָר קיינ מוירע ניט
צווישנ זיי זיכ רוקנ!
יענע, יענע קאָניוכעס
האָב איכ ליב מעסוקנ!

אך, אז איך וועל אויסוואקסנ,
לאנגע הויזנ טראָגנ,
קומ איך צו די קאָניוכעס,
און איך וועל זיי זאָגנ:

„פינעפ קינדער זײַנענ מיר —
שוועסטערלעך און ברידער.
איינע איז א פליִערנ,
צווייטער שרײַבט שוינ לידער,

דריטע איז א וועבערנ,
נאָכ אינ שול — דער פערטער,
איכ, דער סאמע פינעפטער —
איכ וויל זײַנ בא פערדלעכ!





— אזא יאט א פריילעכער,
ווו ביסטו געוואקסנ? —
מיט אזעלכע מוסקולנ,
מיט אזעלכע אקסל!

— ביסט פונ די אָקטיאַבערלעכ?
ביסט פונ פיאָנעריִע?
נעמ־זשע זיכ א פערד בא אונדז
אונ פאָר אינ קאַוואַלעריִע!

שפרינג איך אפֿן פערד און פֿלי,
פֿליִען סאָסנעס, קליאָנען,
קום איך אָן און שפּרינג אראָפּ:
— מארשאַל בודיאָנע!

אויב אַפֿ גוט מע לערנט זיך
און אַפֿ אויסגעצייכנט,
איז אין קאַוואַלעריִע
קען מען זײַן פֿאַרעכנט?

מאַרשאַל דרייט א וואָנצע זיך,
טוט צו מיר א שמייכל:
„וואַקס נאָך צו א קאַפּעלע,
וועסטו זײַן פֿאַרעכנט!"

— וואַרטן? ווידער וואַרטעניש?
— זאָג מיר, קענסט דען שיסן?
און צום זאָטל־סטרעמעניע
גרייכסטו מיטן פֿיסל?

פֿלי איך גיך אהיים צוריק,
וואַקס איך גיך און לערן,
בא בודיאָנען וויל איך זײַן! —
א בודיאָנער ווערן!



געמעלנ פונ קינסטלער י. דײַצ

Л. КВІТКО
КОЛИ Я ВИРОСТУ
ДИТВИДАВ ЦК ЛКСМУ

Одобліт № 1710. Уповнов. Головліту № 9902. Замовлення № 938. Тир. 3000. 1½ друк. арк. Формат паперу 62 x 94 1/16. Здано на виробництво 25-VI 36 р. Підписано до друку 3-II 37 р. Чергове видання № 81.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.